דעם 27סטן אפּריל 1968

ליבער כאַסקל:

כ׳האָב זיך פֿאַרזאַמט מיטן בריוו ווייל מיין וועלטל קערט זיך איבער און איידער איך באַוויז צו צעקייען איין פֿאַרלויפֿעניש, קומט אַ צווייטע און שלינגט זי איין. פֿון מיין געליבטע האָט זיך אויס-געלאָזט אַ בוידעם, נאָר איך באַוויין ניט און איך קלאָג ניט. איך באַוויז ניט אַפֿילו רחמנות צו האָבן אויף זיך. די "ליבע" האָט זיך איבערגעריסן ווייל זי איז געשטאַנען אויף הינערישע פֿיסלעך. דאָס הייסט די ליבע איז געווען אַ ריינע און אַן אמתע, אזוי אמתדיק אַז מיין נשמה איז זיך צעגאַנגען ווי שניי. כ׳האָב ממש אויפֿגעלעבט, אויפֿגעצאַפּלט. פֿאַרן ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך זוכה געווען צו הערן פֿון א מיידל אַז זי פֿאַר-טרויט מיר אַלץ – איר ליבע, איר קערפּער, איר נשמה – ווייל זי פֿילט אז איך וועל זיי ניט אויסניצן אויף בייז. בלויז צוויי אָוונטן האָבן מיר פֿאַרברענגט צוזאַמען, סך-הכל בלויז עטלעכע שעהען, נאָר במשך פֿון זיי האָב איך דערשפּירט דאָס טאָטאַלע צונויפֿהעפֿטן זיך פֿון צוויי נשמות. איך מיין ניט פֿון געשלעכטלעכן שטאַנדפּונקט. זי איז אַ בתולה און א בתולה וועט זי פֿאַרבלייבן ביז צו דער חתונה. די נאָענטקייט וואָס מיר האבן געפֿילט איז טיפֿער פֿון בלויז זיין פֿיזיש. בפֿועל ממש האָב איך געפֿילט אז מיר זיינען איין מענטש. מיר האָבן זיך איינער דעם אנדערן באַקוקט אין שטיל-שווייגעניש און די שטילקייט איז געווען פֿול. דאס איז אַן איינמאָליקע איבערלעבונג. כ׳האָב געוואָלט וויינען פֿון פֿרייד, נאָר זי האט מיר געוואָרנט זיך ניט איבערנעמען צו פֿיל. און אין דעם ליגט דער הונט באַגראָבן. איך בין פֿון דער נאַטור אַ ליידנשאַפֿטלעכער מענטש. כ׳האָב זיך אָנגעשיכּורט פֿון איר, פֿון איר וואַרעמקייט, איר פֿרומקייט, אויב מע קען אזוי זאָגן אויף יידיש. פֿון דער שיכּרות האב איך זיך ניט געקענט אויסניכטערן. כ׳האב פּשוט ניט געוואָלט. נאר פֿאַר איר איז די "ליבע" געווען מאָמענטאַל. בשעת מעשׂה איז די ליבע געווען אַן עכטע, נאָר ווי באַלד מיר האבן זיך צעשיידט, איז אַלץ געווען ווי ניט געווען. איך בין ניטבכּוח אַזוי צו פֿראַגמענטירן מיין לעבן. פֿאַר מיר ווערט איין איבער-לעבונג איבערגעגאָסן אין א צווייטער און איינע איז משפּיע אויף דער צווייטער. פֿאַר איר איז ניט אַזוי. זי קען איזאָלירן אירע איבערלעבונגען און זיי אַרויסרופֿן ווען זי וויל נאר. צו ערשט האָב איך דאס ניט פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב געמיינט אז זי איז מיט מיר ברוגז. דערנאָך בין איך געוואָרן אין כּעס. מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט האט זי זיך אַרומגעשפּילט מיט מיר? מען קען ניט אויסרעכענען פֿון פֿאָרויס א מענטשנס עמאָציעס. נאָר ווי באַלד איך בין שטילער געוואָרן האָב איך איינגעזען אז איך קען צו איר קיין טענות ניט האָבן. זי האט מיר ניט אָפּגענאַרט. זי האָט מיר געגעבן מער ווי אַן אנדער מיידל וואלט זיך געוואַגט. וויסנדיק פֿון פֿאָרויס אַז אונדזערע באַצויונגען זענען צייטווייליק האט זי ריזיקירט. פֿאַר דעם מוז מען האבן א גוואַלדיק שטאַרקן כאַראַקטער – צו ליבן א מענטשן מיטן גאנצן לבֿ ונפֿש, נאָר צו ליבן מיט דער ידיעה אז דאס איז צייט-ווייליק. איך בין ניט בכּוח אַזוינס דורכצופֿירן. איך האב צו פֿיל מורא פֿאַר מיינע שוואַכקייטן. א דאַנק איר בין איך אויסגעוואָקסן. זי האט מיר באַוויזן אַז א מענטש קען זיין דערוואָקסן אין אַבסטראַקטע זאכן (וווּ-היין ער שטרעבט אין לעבן, וואס ער וויל טאָן) נאר אין צווישנמענטשיקע באַציונגען צו זיין א קינד. ערשט איצט פֿיל איך וויפֿל איך דארף זיך נאָך אַריינלעבן אין לעבן כּדי צו רעאַגירן ערלעך צו אַ צווייטן מענטשן. ערשט איצט הייב איך אָן צו פֿילן דעם פּרייז פֿון אַ היים ווו די מאַמע צערטלט איר קינד און באַשיצט אים פֿון פֿרעמדע השפּעות. ערשט איצט ווייס איך וואס ליבע קען באַטייטן פֿאַר אַ מענטשן און ווי שווער דאס איז צו דערגרייכן.

דאס שרייבן קומט מיר אָן שווער. איך טראַכט וועגן וואס איך דארף דיר נאָך איבערגעבן און עס פֿאַלט מיר אָן א פּחד. ווען איך וואָלט דיר געשריבן יעדן טאג וואָלט איך אַלץ ניט באוויזן. כ׳האָב מורא אז די בריוו וועלן מוזן דינען ווי ראשי פּרקים פֿאַר אונדזערע שמועסן פּנים-אל-פּנים אין מאָנטרעאָל און אין באָסטאָן (אם ירצה השם). אגבֿ אורחא, איך און פֿיר אַנדערע בחורים פֿאָרן דורך אייראָפּע דעם זומער אין אַ פֿאָלקס-

וואגאן "קעמפינג באס". פון דרום איטאליע אויף צפון, דורך דער שווייץ, קיין דענמארק און האלאנד און דרום קיין פאריז. און פאריז לאזן מיר איבער דעם אויטא און יעדער איז פריי צו פארן ווו. ער וויל ביז דעם 18טן אויגוסט ווען דער עראפלאן פליט אפ פון לאנדאן קיין ניו-יארק. פארשטייט זיך אז איך לייג א סך האפענונגען אויף אט דעם אויספלוג. איך האב זייער ניט געוואלט פארן קיין אייראפע ווי א טוריסט, נאר צו פלאנירן אוואנטורעס בין איך אליין ניט מסוגל. ווי באלד איך קום אהיים מוז איך פארן ווידער קיין ניו-יארק אויף דער התונה פון רפי און מאשינקע. איך וויל אויך וואס גיכער חתונה האבן. אויף זם איז דער מענטש באשאפן געווארן...

וועגן סיני האב איך דיר אויך ניט דערציילט. די היץ איז געווען ניט איבערצוטראגן. איך יעדן שטעטל זעט מען א מאנומענט לזכר דעם מיצרישן נצחון פון 1956. איך עזה געזען די ריזיקע פעסטונג וואס די ישראל-ארמיי האט איינגענומען דריי מאל און צוויי מאל פארלאזט. געזען דעם סועץ-קאנאל פון פיר פארשיידענע פונקטן. אויף דער צווייטער זייט שטייען אראבער און קוקן אויף דיר מיטן זעלבן אינטערעס ווי דו אויף זיי. פון פארט טאפיק אויף דער ישראלדיקער זייט זעט מען דעם דריט גרעסטע שטאט אין מצרים - סועץ - וואס האט פארמאגט צוויי הונדערט טויזנט באזיצערס פאר דער מלחמה און איצט א סך א סך ווייניקער. געזען די געהיימע מיליטערישע פארטיפיקאציעס פון אונדזער ארמיי. געזען די אויפגעריסענע עראפלאנען און די טויזנטער טאנקען. קנטרה איז דער איינציקער טרעפפונקט ביי היינטיקן טאג צווישן ישראל און מצרים. מיט עטלעכע חדשים צוריק האט מען דארט אויסגעטוישט געפאנגענע. עטלעכע טויזנט זייערע פאר 15 אונדזעריקע. מיר האבן אויפגענומען אונדזערע צוריקגעקומענע מיט ווייַן און טענץ. זיי האבן פארשטעלט דעם ברעג מיט באריקאדן כדי מיר זאלן ניט זען ווי זיי שלאגן זייערע אייגענע זעלנער מכות רצח. מען האט זיי אוועקגעפירט אין פארמאכטע משא-אויטאס און די ישראל-אינטעליגענץ האט זיך שפעטער דערוווסט זייער ציל - ספעציעלע לאגערן ווו. מען האט זיי פארהאלטן אויף ריינוואשן זייערע מוחות. טראכט זיך אריין אין דעם אבֿרהמטשיקל - אפילו די נאצי-מערדערס האבן אזוי ניט באהאנדלט זייערע אייגענע זעלנערס. באזוכט שארם-אל-שייח און דארטן געשוווּמען. א ביסל ווייטער איז רס נצרני ווו. די מלחמה האט זיך פאקטיש אנגעהויבן. דארט איז די עפענונג צו די מצרי טיראן ווו. די מצרים האבן געזאלט אויפשטעלן הארמאטן קעגן די ישראלדיקע שיפן. וואס ווייזט זיך אבער ארויס? אז די צוויי הארמאטן היטנדיק דעם אריינגאנג האבן ניט געקענט שיסן קיין איין און איינציקן קויל זינט די ישראל-ארמיי האט זיי צעשטערט אין 1956! דאס ביסל געווער וואס די מצרים האבן דארט געבראכט האט ניט געקענט אפשטעלן קיין שיף. דאכט זיך אז אט דער בלאף האט זיי אפגעקאסט גענוג. נאך א זאך. אונדזער מדריך האט אונדז געזאגט אז נאך א יאר צייט וועט מען בכלל ניט קענען באנוצן דעם קאנאל ווייל יעדן טאג ווערט ער אנגעפילט מיט זאמד און מען האט אויפגעהערט צו רייניקן מיט קנאפע 10 חדשים צוריק. ניט נאר וואס מצרים האט אנגעווארן א פארמעגן מיט דעם וואס דער קאנאל איז פארשטאפט, נאר דאס ווידער עפענען (אויב עס וועט א מאל מקוים ווערן) וועט אפקאסטן ניט ווייניקער. דערווייל שטייען דארטן 13 שיפן וואס מיר האבן געזען מיט די אייגענע אויגן. א חוץ די גרויסע איילפעלדער וואס ישראל האט „גערישנט" האבן מיר אויך געזען א גרויסע פאבריק פון מאנגאן (מאנגאניז) וואס שטייט ניט-אנגערירט זינט דעם 6טן יוני 1967. מע רעכנט אז ארום אכט טויזנט ייִד' טוריסטן האבן באזוכט דעם מידבר סיני חול המועד פסח. ווער האט זיך געקענט פארשטעלן מיט א יאר צוריק אז אט דער ווילדערניש וועט ווערן א וואקאציע-ארט פאר ייִדן?

כ'האב באקומען פון הללן א קאפיע פון זיין פיעסע "געלעכטער". אויב עס איז נאך ניט צו שפעט, באמי זיך זען די פארשטעלונג. מיין "הנני" איז א קינדערשפיל אנטקעגן דעם. פאקטיש האט ער גענוצט דעם זעלבן סיסטעם וואס איך - צוזאמענגעשטעלט פארשיידענע מאטעריאלן ביי אנדערע שרייבערס. אליעזר ווייזל און קאפקא זענען צוויי פון זיינע הויפטקוואלן. די פארם איז א סימבאליסטישע. עטלעכע סצענעס צערייסן דאס הארץ בלויז לייענדיק. היינט שטעל זיך פאר וואס פאר א רושם זיי

דעם 28סטן אפריל
וועלן מאכן אויף א לעבעדיקן עולם. איך בין איבערצייגט אז דאס איז
דער בעסטער אופן פארצושטעלן דעם חורבן פאר אונדזער דור. דאנערשטיק
בין איך געווען אינעם קיבוץ פון די געטא-קעמפערס צוזאמען מיט 20
טויזנט פונעם פאלק. ס'האט געגאסן א רעגן און כאטש די גאנצע צערע-
מאניע איז פארגעקומען אין אן אמפיטעאטער אין דרויסן, האט זיך קיינער
ניט גערירט פון ארט. מיטוואך אין אוונט זענען אלע טעאטערס און
קאפע-הייזער איבערן לאנד געווען פארמאכט. דער ראדיא האט געשפילט
בלויז איין פראגראם פון פינף שעהען, א פראגראם וואס האט דערציילט.
אזוי ווי אונדזערע רבנים זענען אפגעזעסן א גאנצע נאכט און
דערציילט וועגן יציאת מצרים איז דאס גאנצע פאלק געזעסןביים ראדיא
און געהערט ווי אזוי איראפעס יידן זענען ניט אויסגעלייזט געווארן
פונעם רשעס הענט. הערנדיק די פראגראם האב איך ווידער דערשפירט דעם
כוח פון די קאמוניקאציע-מיטלען, א כוח וואס ווערט פארטאכלעוועט אין
אנדערע מקומות אויף דער וועלט. אין דער פרי בין איך אויפגעשטאנען א
ביסל פריער. כ'בין אריין אין דער קאפעטעריע א פערטל פאר אכט. פלוצעם
האב איך געזען ווי אלע סטודענטן שטעלן זיך אויף און איך הער א
מאדנעם פייפן פון דעם ראדיא. האב איך זיך גלייך געכאפט אז דאס האנדלט
זיך אינעם יזכור. און א ישראלדיקע מינוט פון שווייגן איז טאקע א
פולע מינוט, ניט ווי מיר זענען צוגעוווינט. איך וועל דיר זאגן דעם
אמת, אז פונעם גאנצן טאג בין איך אממערסטנס געווען גערירט פון אט
דעם פראזאישן מאמענט אין דער קאפעטעריע. א חבר האט מיר דערציילט אז
ער איז געלאפן נאך אן אויטאבוס ווען דער זייגער האט געקלונגען אכט
און ער האט פלוצעם געזען ווי אלע מענטשן אויף דער גאס האבן זיך
אפגעשטעלט. דאס הייסט ווען א גאנץ פאלק היט אפ א דאטע און לעבט
איבער א געפיל צוזאמען. נאכן פרישטיק בין איך אוועק צו פוס קיין
יד-ושם און כ'בין דארט אפגעזעסן א גאנצן פרימארגן. געלייענט אויפן
קול קאצענעלסאנס "דאס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאלק" און זיך
אונטערגעזונגען עטלעכע לידער. נאך מיטאג בין איך ארויסגעפארן מיט
צוויי חברים אויף צפון, א נסיעה פון א דריי שעה. ווי געזאגט, זענען
מיר אנגעקומען אינעם קיבוץ אין מיטן רעגן. דער טעאטער איז געבויט
הארט ביי א רוימישן אקוואדוקט. די צערעמאניע איז געווען זייער אימ-
פאזאנט, דער עיקר ווייל עס האבן אנטיילגענומען א סך קינדער. מע
קען זיך א סך מער אויסלערנען וועגן דער ישראלדיקער מענטאליטעט לגבי
דעם חורבן ווי וועגן דעם חורבן גופא. דער קאנפליקט איז פארשארפט,
ווייל געווי מיט א וואך שפעטער וועלן די זעלבע מענטשן פייערן דעם
טאג פון אומאפהענגיקייט און נאך וויכטיקער, א טאג פון טרויער לזכר
די געפאלענע ישראל-זעלנערס (דעם ערשטן מיי). פאר דער יוגנט פארנעמט
די צווייטע דאטע א סך א גרעסערן ארט אין זייער פאנטאזיע. דעריבער
מוז אויך דער חורבן-טאג (דא הייסט עס "יום השואה") האבן פאנען און
פלאמען און "פייערלעכקייט". נאר איך מוז צוגעבן אז אלץ איז געווען
צוגעפאסט צום כאראקטער פונעם טאג, און מיין ניט אז איך בין ניט
סענסיטיוו אויף אזעלכע זאכן. מיין איינציקע טענה איז וואס מע דארף
בכלל ניט האלטן קיין רעדעס אויף יזכור-אוונטן, ווייל סוף-כל-סוף
ווערן זיי פאליטישע מאניפעסטאציעס. כ'בין זיכער אז אויך אין ניו-
יארק האט מען עטלעכע מאל דערמאנט דעם ענין פון פוילן און זייערע
גרויזאמע פרווון איבערצומאכן די געשיכטע פונעם היטלער-תקופה. מילא
אז איין רעדנער דערמאנט דאס, נאר אז אלע דריי רעדן וועגן דעם שמעקט
עס שוין מיט קאנווענציאנעלקייט. איך האב געהאט די זכיה צו הערן לוי
אשקול, און ווי באוווּסט, איז ער ניט קיין באגייסטנדיקער רעדנער.
די פראגראם האט זיך געענדיקט מיט אן אויסערגעוויינטלעכן מאדערנעם
טאנץ פון א פראפעסיאנעלער טאנצגרופע. נאך א ראיה דערויף אז מיר האבן
ווייט ניט אויסגעשעפט די מיטלען פון קונסט אינעם יזכור-אוונט
דאס וויכטיקסטע פונעם דערציי̆לעריש̆ן שטאנדפונקט וואס דער אוונט
האט איבערגעגעבן, איז וואס סיי חורבן-איראפע, סיי דאס גרינדן מדינת ישראל
געהערן צום זעלבן דור און ממילא צום זעלבן יידישן פאלק.
דאס מיינט צו זאגן, אז דער ייד וואס איז אומגעקומען אין לובלין איז

בעצם ניט אנדערש פונעם ייִד וועלכער האט דערלעבט צו זען די ייִדישע מדינה. פארן סאברע איז דאס זייער וויכטיק צו וויסן און זייער לייכט צו פארגעסן. דאס פייערן דעם 25סטן יובל פון דעם ווארשעווער געטא-אויפשטאנד דווקא אינעם קיבוץ ווו ס'האבן זיך באזעצט יצחק צוקערמאן און זייַן ווייב צביה לובעטקין שרטייכט אונטער אט דעם פאקט מער ווי אלע לעקציעס און בראשורן אד"ט. אין ישראל געדענקט מען דעם חורבן מער ווי אין אנדערע ייִדישע קהילות נאר נאך אלעמען הערשט א גוואלדיקער אמביוואלענץ לגבי דעם אומקום, מכּלל מצד דעם יונגן דור. מען קען נאך א סך אויפטאן אויף דעם געביט.

איך וויל דיר שוין זען. איך לייען דייַנע בריוו צו עטלעכע מאל. די פרעגסט וועגן מייַן פאליטישער פאזיציע. כ'האב זיך איבערגענומען מיט דער דעמאנסטראציע פון די אראבישע פרויען קעגן דער פאראדע און מער פון אלץ מיטן אפאלאגעטישן טאן פון די צייַטונגען וואס האבן וועגן דעם געשריבן. נאר די היפאקריטישקייט פון די פ"פ קען איך ניט פארטראגן. ווי האט געזאגט אבא אבן נעכטן אין אוונט: די פ"פ וואלטן זיך געדארפט אויפפירן א ביסל מער ענייוותדיק. נאך איר מפּלה אין די קריזיס-טעג פון פאר א יארן וואלט די געקענט זייַן מער באשיידן אין אירע פאדערונגען צו ישראל. און אבן לייגט זיי פאר צו אנטוויקלען א שארפערן חוש פאר דער געשיכטע, זאלן זיי בעסער קענען באנעמען די חשיבות פון א פאראייניקטן ירושלים. זיי צו להכעיס גיי איך זען די פאראדע. און מסתמא וועל איך אויך הנאה האבן. זאלסט מיר מוחל זייַן, נאר כ'האב זיך ניט געקענט איבערנעמען מיט דייַן ליד. אזוי ווי קאנאדע רופט בייַ מיר ניט ארויס קיין געפיל פון רעוואלוציע, אפילו ניט קיין צאפל פון דערווארטונג, אזוי עס מיר אויסגעקומען ווי איך לייען וועגן אן אנדער וועלט. אפשר וואלט דער צווייטער טייל געווען מער צוגעפאסט. א ליד דארף ארויסרופן געפילן, און די ראקי בערג רעדן פשוט ניט צו מייַנע עמאציעס. דאס הייסט אז מייַן קריטיק האט גארניט צו טאן מיטן ליד ווי א ליד. דער סודשעט איז מיר פרעמד און דערפאר רעדט עס ניט צום הארצן. דער הארפאשנער זעלנער וואס לייענט די ווערק פון מארקס קלינגט משונהדיק אין מייַנע אויערן און – זאלסט ניט האבן קיין פאריבל – גאנץ דערווייַטערט פון דער רעאליטעט אויף אזוי ווייַט ווי איך זע זי.

מיר וועלן האבן טעמעס אויף לאנגע שעהען. מיר דאכט זיך אז מיר וועלן ניט האבן קיין גרויסע שוועריקייטן אין פארשטיין איינער דעם אנדערן. איך האב א טבע צו ציטערן ניט בארעכטיקטערהייט. מיט דיר וועל איך נאך קענען אויסקומען. וועגן מייַנע בראנדייַס-חברים בין איך ניט אזוי אפטימיסטיש.

דייַן לעבנס-חבר

דוד=הירש